
DOS FARBLONDZHETE MEYDELE

M. Litvak





NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

0-657-11049-3

9780657110499T.PS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER

AMHERST, MASSACHUSETTS

413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG

WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust

Arie & Ida Crown Memorial

The Seymour Grubman Family

David and Barbara B. Hirschorn Foundation

Max Palevsky

Robert Price

Righteous Persons Foundation

Leif D. Rosenblatt

Sarah and Ben Torchinsky

Harry and Jeanette Weinberg Foundation

AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE

National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol
of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from
a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

מ. ליטוואק.

דיר, רבקה, א מצבה׳לע!

דאס פארבלאנדזשעטע מ׳ידעלע.

פערזאנען:

1) דאָס פאַרבלאָנדזשעטע מיידעלע,
2) אַ קוקאַווקע,
3) אַ שנייפייגעלע,
4) אַ פּיקהאָלץ,
5) חברטעס,
6) מלאכימלעך און
7) כאָר.

די סצענע שטעלט פאָר א וואלד. ס׳איז שוין טונק׳. עס באַווייזן זיך עטלעכע קינדער מיט קאָשעקלעך אין די הענט. זיי זוכן זייערע א חברטע, וועלכע האָט פאַרבלאָנדזשעט. זיי רופן פיל מאָל אין וואלד אריין: „אָ—או!“, אָבער אומזיסט: די פאַרבלאָנדזשעטע חברטע רופט זיך ניט אָפּ. איינציקווייז פארלאָזן זיי די סצענע. מע שפּילט די פּרעליודיען; עס גייט אריין דאָס פאַרבלאָנדזשעטע מיידעלע. זי איז פאַרטרויערט; זינגט:

דאָס מיידעלע: (נאָטן I)

שיינינקע ביימעלעך, גרינינקע צווייגעלעך,
זאָגט מיר, איך בעט אַייך, ווי קום איך אַהיים?
כ׳ווייס ניט קיין וועגעלע, כ׳ווייס ניט קיין שטעגעלע...
זאָגט מיר, וואָס טו איך דאָ איינע אַליין?!

מיט מיינע חברטעס, מיט מיינע טרייאינקע
בין איך געקומען אין וועלדל צוגיין;
פלוצלונג האָב איך זיי פאַרלאָרן דאָ אַלעמען...
וואָס זאָל איך איצטער טאָן איינע אַליין?...

שיינינקע פייגעלעך, ליכטיקע אייגעלעך,
זאָגט מיר, איך בעט אייך, ווי קום איך אַהיים?
מיין טרייע מאַמעשי, מיין טרייער טאַטעשי
וועלן זיך קלעמען און זוכן מיך גיין...

עס באַווייזט זיך די קוקאָווקע.

די קוקאַווקע: (נאָטן II)

קו-קו! קו-קו!
מיידעלע שיינע,
מיידעלע קליינע,
לייג זיך אַוועק!
קו-קו! קו-קו!
שלאָף זשע אַיין גיכער,
מאָרגן ס'טו זיכער
טרעפן דעם וועג.

די קוקאַווקע שפרינגט אָפּ אין אַ זייט און עס פליט אַרויס אַ שנייפייגעלע.

דאָס שנייפייגעלע: (נאָטן III)

שיינינקע מיידל,
גיי נישט אַוועק,
בלייב דאָ אין וועלדל
מוטיק, אָן שרעק!

מיר וועלן זינגען
לידער פאַר דיר
און דיך פארוויגן
מיט אונזער שיר.

עס באַווייזט זיך אַ פיקהאָלץ.

דער פיקהאָלץ: (נאָטן IV)

טוק-טוק, טוק-טוק! גיי נים אַוועק,
איך וועל דיר מאָרגן ווייזן דעם וועג.
טוק-טוק, טוק-טוק! בלייב-זשע אין וואַלד;
שיינע מלאכימלעך קומען דאָ באַלד...

די פייגעלעך פליען אָפּ אין אַ זייט, עס הייבט אָן צו זינגען אַ כאָר פון ביימעלעך.

כאָר פון ביימעלעך: (נאָטן V)

ליבע, שיינע מיידעלע,
ביזט דאָך מלא חן...
בלייב ביי אונז אין וועלדעלע.
איז דען דאָ ניט שיין?

הער, ווי אַלע גרעזעלעך
שושקען זיך גאַנץ זאַכט:
זיי דערציילן מעשהלעך
שיינינקע—אַ פּראַכט.

ס׳וועלן באַלד מלאכימלעך
קלאָרינקע, ווי שניי
קומען דאָ און זינגען דיר
לידער אַלערליי...

דאָס מיידעלע: (נאָטן I)

שיינינקע פייגעלעך, גרינינקע ביימעלעך, —
איך וועל אייך פאָלגן און בלייבן אין וואַלד.
כ׳וועל זיך אַוועקלייגן אין ווייכן גרעזעלע,
אפשר וועט איר מיך פאַרשלעפערן באַלד...

דאָס מיידעלע לייגט זיך אוועק און דרעמלט גיך איין. עס פליען אריין עטלעכע שנייווייסע מלאכימלעך, מיט קליינע צאַרטע פליגעלעך. איין מלאך שטעלט זיך אויף די קני לעבן דעם מיידעלע און־זינגט:

דער מלאך: (נאָטן VII)

שלאָף זשע, שלאָף זשע, שיינע מיידל,
שלאָף זשע גיכער איין.
די לבנה אויף דיין פּנים
וואַרפט איר העלן שיין.

מיט אַ שמייכל אויף די ליפּן
ליגסטו אין דעם גראָז...
שטילער, ביימער, שאָקלט זיך ניט!
ווינטעלע, ניט בלאָז!...

ס׳קושן, ס׳גלעטן אירע שטראַלן
דיך, מיין טייער קינד;
שיינע מעשיות וועט דערציילן
דיר דער צאַרטער ווינט.

שלאָף זשע, שלאָף זשע, שיינע מיידל,
שלאָף זיך רואיק אויס...
דו וועסט שוין דעם וועג געפינען
מאָרגן צו דיין הויז...

די מוזיק הייבט אָן שטיל צו שפּילן (נאָטן VIII), אַלע מלאכימלעך צעטאַנצן זיך און דערנאָך פאַרשווינדן זיי. עס דערהערט זיך פון הייטן אַ געזאַנג פון די חברטעס, וועלכע זוכן נאָך אַלץ דאָס מיידעלע. אין אַ ווײַלע אַרום קומען זיי אָן.

כאָר פון חברטעס: (נאָטן IX)

ס׳איז שוין טונקל, ס׳איז שוין שפּעט,
מ׳דאַרף שוין גיין אַהיים.
ווי זשע לאָזן מיר אין וואַלד
רחלען אַליין?...

אָ חבר'טע:

לאָמיר זוכן אומעטום;
ס'לויפט אַוועק די צייט! (געפינט אַ בלום)
אָט איז פון איר הוט אַ בלום:
זי מוז זיין ניט ווייט! (מען געפינט איר)

כאָר:

אַך, אָט ליגט זי, ליגט און שלאָפט
אין דעם גראָז אַליין!
כאַפּ זיך, הייב זיך גיכער אויף,
שנעלער קום אַהיים!

דאָס מיידעלע רייבט זיך די אויגן פון שלאָף, קוקט פאַרוואונדערט, הייבט זיך אויף און זינגט:

דאָס מיידעלע: (נאָטן I)

טרייאינקע חבר'טעס, ליבינקע מיידעלעך,
כ'בין זייער גליקלעך מיט אַייך ווידער זיין...
כ'בענק אָבער שטאַרק נאָך מיין ליבינקער מאַמעשי—
קומט זשע וואָס גיכער אין שטעטל אַריין!...

אַלע נעמען זיך פאַר די הענטלעך און טאַנצן:

אַלע: (נאָטן IX)

אַהיים! אַהיים!
אָ שנעלער קומט אַהיים!
מיר מוזן דיך שוין לאָזן,
גרינער וואַלד, אַליין.

אַדיע! אַדיע!
מיר אַיילן זיך אַהיים.
מיר קומען אָבער מאָרגן
ווידער דאָ צוגיין...

פאָרהאַנג.

נאטן

צו דער קינדער־אָפּערע

דאָס פֿאַרבלאָנדזשעטע מיידעלע.



מוזיק פֿון י. מיטליאַנסקי.

IX

Allegretto

כאר פון חברים

X

XI

Allegretto

כאר.



אויפן ביכער-לאגער

פון דער צענטראל ייד. שול-אָרגאַניזאַציע, ווילנע

קען מען באקומען פאָלגנדע ביכער:

קינדער-ליטעראַטור:

מענדעלי מוכר-ספרים. — דאָס קעלבל. אויסגאַבע קולטור-ליגע וואַרשע.
מסע[illegible] בנימין השלישי. " "
י. ל. פרץ. — קינדער-לידער. (פ[illegible] צכט-אויסגאַבע) " "
נסתר. — 12 מעשהלעך אין פערזן. " "
אנדערסען. — מעשהלעך ייד[illegible] נסתר " "
א. רייזען. — דער בוים: די פאַבריק; [illegible] די הויכע בערג. " "
פ. קדפער. — דער לעצטער מאָהיקאַנער[illegible] פאַרלאַג „צענטראַל" וואַרשע.
פ. קעניג. — אויפן גרונט פון ים.
י. יאָהאַנסען. — אין נאַכט און שניי. " " "
סווען-העדין. — פון פאָל צו פאָל " " "
י. פאַט. — אַ קראַנץ-בלומען. (דערציילונגען פון שול-לעבן). " " "
ל. ב. כאַווקין. — ווי אַזוי מענטשן האָבן זיך אויסגעלערנט בויען וואוינונגען. יידיש ז. [illegible]דאָרף „פאַרלאַג דאָס בוך" ביאַליסטאָק.
[illegible]ודל. — דער וועג אינדערלופטן. פאַרלאַג „קולטור-ליגע" ביאַליסטאָק.
י. נאָוואָגרודסקי. — ווי אַזוי פאָרט מען איבער ימים.
" די פאַראייניגטע שטאַטן פ[illegible]ון-אַמעריקע. 1-טער טייל, 2-טער טייל. פאַרלאַג „קולטור-ליגע" ביאַליסטאָק.
[illegible]וואַלד. — דער צוויי-פיסיקער. די צו[illegible] און די קאָמע[illegible]: יידיש י. גראָסמאַן. "
[illegible]ין-סיביראַק. — חנהלעס מעשה[illegible]. יידיש ירידיה "

לערנביכער:

פראָפ. יונג-יונג. — דער יונגער גאָ[illegible]. (אַ געאָמעטריע פאַר פאָלקס-שולן) יידיש ד"ר אָלש[illegible]ער. פאַרלאַג „וואָסטאָק". בערלין.
פראָפ. וויפער. — געשיכטע פון מיטלעלטער.
געשיכטע פון דער נייער צייט. ייד[illegible] מ. וויינרייך. " "
ה. אפרתי. — יידישע געשיכטע 1-טער טייל די ביבלישע תקופה, 2-טער טייל: די צייט פון בית [illegible]. ווילנער פאַרלאַג ב. א. קלעצקין.
ל. בראָוזאַרניק און מ. לעוויטאַן[illegible] אריפ. אויפגאַבן (1-טן לערניאָר). "
ש. באָסטאָמסקי. — אילוסט. אריפ. רעכנבוך [illegible]ר לערניאָר 1-טער טייל; 1-טע העפט
" אריטמעטישער רעכנבוך (ערשט[illegible]ונדערט) 1-טער טייל; 2-טע העפט.
" (גאַנצע צאָלן [illegible] טויזנט) 2-טער טייל; 1-טע העפט.
" (צאָלן פון [illegible] גרויס) 2-טער טייל; 2-טע העפט.
ש. באָסטאָמסקי און ל. הורוויץ. — [illegible]. רעכנבוך.(ברוכצאָלן) 3-טער טייל.
ל. ח. יפה. — דער שול-חבר, כרעסט. פאַרן 3-ט[illegible]וליאָר. ווילנער פאַרלאַג ב. א. קלעצקין
אָלגין. — דאָס יידישע וואָרט, כרעסט. פאַר [illegible]ערע גרופן, באַנד 1, באַנד 2. "
ש. באָסטאָמסקי און א. חיימסאָן. — לע[illegible]ייקע קלאַנגען אילוסטרירטער אלף-בית כרע[illegible] אָמאַטיע פאַרן ערשטן לערניאָר.
אָטאָ שמעיל. — דער מענטש, יידיש ד"ר [illegible]. ווילנער פאַרלאַג ב. א. קלעצקין.

לייענביכער:

ש. גילינסקי. — אלגעמיינער שמועס אין פ[illegible]-שול. פארל. קולטור-ליגע וואַרשע
מ. קריוויצקי. — ווי אַזוי אָרגאַניזירט [illegible] אַ שפּיל-פּלאַץ. פאַרלאַג „אָזע".
ב. שטיימאַן. — דראַמען. פאַרלאַג קולטור-ליגע וואַרשע.
נ. מייזעל. — ח. נ. ביאַליק.
אגראַנאָם קאַדישעס. — באַדנקענטשאַפט פאַרלאַג „אָרט" ווילנע.
פעדאַגאָגישער אמט ביי צ. ש.-אָ. וואַרשע. — שול-אינסטרוקציע.

זאַמלונגען:

דער רויטער פנקס. — צו דער געשיכטע [illegible] דער יידישער אַרבעטער באַוועגונג, און סאָציאַליסטישע [illegible]רעמונגען ביי יידן. 1-טער זאַמלבוך. פאַרלאַג „קולטור-ליגע" וואַרשע.
מ. גאָלדבערג-אָקין. — באַוועגונגס-שפּילן.
קולטור-ליגע. — 1-טער זאַכלהעפט, 2-טער זאַמלהעפט.

קויפט דעם אָרגאַן פון דער צענטראַלער שול-אָרגאַניזאַציע זוין דער פוילישער רעפּובליק „שול און לעבן".